STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11493

FUN ERSHTN SHNIT

Yosef Papyernikov

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. פּאַפּיערניקאָוו

י. פּאַפּיערניקאָוו

פון ערשטן שניט

תל־אביב

14.8.53

1918 — 1928

ווארשע — תל־אביב

פארלאג „אליין"　　　　תל־אביב 1945/6

אייניקע ווערטער

מיטן נאָמען „פון ערשטן שניט", מיין איך מיינע ערשטע שאַפונגען, וואָס פריינט אהן פאַרערער זוכן ווען. אויף נאָכן טויט פונעם שרייבער, און גיבן זיי אַרויס, כדי אָפּצוגעבן אים דעם ערשטן כבוד...

טראָץ דעם, וואָס איך האָב נאָך ליגן א גרויסער צאָל נישט אַרויס־געגעבענע לידער פון די שפּעטערע יאָרן — האָב איך באַשלאָסן דאָסמאָל זיך אַ נעם־טאָן דוקא צו דער „פאַרלעגענער" פּרוכט — כדי לייכטער־צו־מאַכן מיין „באַגאַזש", פון וועלכן מיין פאַרלאַג „אַליין", קען מער ווי צוויי בויגן אַ יאָר, נישט אַרויסגעבן.

וואָס שייך דער צייט, פאַר וועלכער מיינע יחוד־לידער „פון ערשטן שניט", זענען אויך טעמאַטיש נישט צוגעפּאַסט — האָב איך זיך מיאוש־געוועז פון דערוואַרטן זיך אויף אַ פּאַסיקער צייט פאַר זיי...

דער מחבר

מיין ערשט ליד

(פון אויטאָביאָגראַפישע בלעטלעך)

נאָכן עפּיזאָד מיט מיין ערשטן ליטעראַרישן דורכפאַל, פאַר שרייבן אין גימנאַזיע, מיין ערשטע יידישע „סאָטשינעניע", אין רוסישער טראַנסקריפּציע — האָט מיך די „מוזע" נישט באַזוכט מער, אין משך פון פינף יאָר צייט, און כ'האָב נישט געוואַגט אָן איר הילף, ווידער אויסצופּרובן מיין ליטעראַרישן כוח... ערשט די „השגחה העליונה", וואָס היט אָפּ אַלע נוצלעכע, פּרוכטבאַרע קערנדלעך פון פאַרלוירנ־גיין, און שאַפט פאַר זיי די צייט און דעם צופאַל אויף צו קענען זיך אַנטפּלעקן, אַרויסקריכן פון פאַרבאָרגעניש און זיך צעוואַקסן און צעבליען פאַר גאָטס וועלט — די השגחה העליונה האָט ווייזט אויס געזאָרגט אויך פאַר מיר, און געשאַפן מיר דעם צופאַל, איך זאָל זיך ווידער אַ נעם־טאָן צו דער פען, און טאַקי אויף אַן אמת.
דאַנקבאַר פאַר דעם דאָזיקן צופאַל, דאַרף איך אָבער זיין קודם־כל ר' משה'ן דעם שפּייז־קרעמער פון מיין געסל ווו איך בין געבוירן און דערצויגן געוואָרן.

געווען איז משה דער שפּייז־קרעמער, ווי אַלע שפּייז־קרעמער, וואָס וויקלען הערינג און אפילו פּוטער, אין באַשריבענע פּאַפּירן, און אין געדרוקטע בלעטלעך און בלעטער פון יידיש־אפּיקאָרסישע און גוי'א'שע ביכער, צייטונגען און זשורנאַלן. אויף מיין בקשה, האָט מיר ר' משה דער שפּייז־קרעמער געשענקט אַ בלאַט, וואָס איז געלעגן אויפן בופעט, און געררייצט מיינע אויגן מיט אַן אָפּגעדרוקט בילד „דער טויטער אינזל" פונעם אַלטן רוסישן מאַלער בעקלין, און מיט אַ פּאָר לידער אויף רוסיש, אונטערן קעפּל „יעווריעיסקיע מעלאָדיי" פון „עפּעס" אַ לאָרד בייראָן, איבערגעזעצט פון מיין געוועזענעם גימנאַזיע־לערערס פּאָעט — לערמאָנטאָוו.

אַז כ'האָב זיך אײַנדערהיים אַ נעם־געטאָן צום קרעמערס הערינג־בלאַט, איז מיר קודם־כּל געפעלן דאָס, וואָס אַ גוי און דערצו אַ לאָרד — שרײַבט וועגן ייִדן, און דערנאָך — די לידער, וועלכע כ'האָב אָנגעהויבן פאַרשטיין, ערשט נאָכן איבערלייענען זיי צענדליקער מאָל. נאָכן קענען שוין גאַנצע סטראָפן פון זיי, בעל־פּה — האָב איך איינמאָל, ווי פון עפּעס געצוווּנגען — אָכאָפּ־געטאָן די פען און אָנגעוואָרפן אייניקע ייִדישע סטראָפן, וואָס זייער ווערט, אדער, ווערטלאָזיקייט, האָב איך אַליין נישט געוווּסט; דאָס איינציקע מיט וואָס איך בין אין זיי יאָ געווען צופרידן און זיכער, איז געווען: דער ריטם; די דאָזיקע זיכערקייט האָט זיך ווייזט אויס גענומען פון מיין חוש פאַר מוזיק, און פון מיין גוט געהער, וואָס האָט מיר געדינט בעת מיין זיין אַ משורר באַ סיראָטאַן.

אַזוי, האָב איך אָנגעשריבן דאָס ערשטע ליד מיינס, נאָך וועלכן ס'האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן לידער, ווי ס'ערשטע בליעכץ פון אַ בוים, וואָס אַ וואַרעמער פרילינג'ס־ווינט האָט אַ שטאַרקן טרייסל־געטאָן.

י. פּ.

צו אַ מיידל

— ?זוכסט אַ שאָטן, מיידל
...זעץ דיך נעבן מיר

ס׳קומט זעלטן צו די זון צו מיר
אין קאַלטן פעלזן־ווינקל
.פון מיין לעבן

ס׳האָט נישט איינע אָפּגערוט שוין
ביי דעם שטילן אומרו
...פון מיין קוואַל

נישט איינע האָט איר שווערן בליק
אַראָפּגעלאָזט צו מיר אין אויג
,און פאַרלוירן אים
ווי אַן אָפּגעבונדן פולן עמער
...איז אַ טיפן ברינעם

און נישט איינע איז אַוועק פון מיר
,מיט ווינטיק־נאָכגעלאָזטע טריט
און ווי אַ זעגל — אָפּגעשוואומען
פונעם האַרטן ברעג
...אין ים אין פרייען

,זעץ דיך, מיידל
...!זעץ דיך נעבן מיר

יענע נאַכט

כ'האָב יענע נאַכט אין שלאָף גערופן דיך,
גערופן מיט אַ רירנדיק געבעט:
— אָ, ליבסטע מיינע, בלייב, פאַרלאָז מיך נישט!
— אָ, קער זיך אום, ווי לאַנג ס'איז נאָך נישט שפּעט!..

געבעטן לאַנג, געפּליסטערט האַלבע רייד,
ווי כ'וואָלט פאַר דיר געשטאַנען אויף די קני,
גערעדט פון היץ, און האַרציק שטיל געוויינט —
אַזוי האָט מען דערציילט מיר אינדערפרי...

קום!

קום מיט מיר, קום!
ווי אַ פֿויגל אין אַ שרײַה —
וועל איך דיך אונטער די פֿליגל פֿון ליבע
דורכטראָגן דורך אַלע ברענענדיקע טירן.

אויף אַ ברעט פֿון גלויבן —
וועל איך דורכשווימען מיט דיר
אַלע בייזע ים׳ען.

מיטן פּאַנצער: חכמה —
וועל איך מיט דיר דורכגיין
אַלע פֿײַלן־האָגלען.

קום מיט מיר, קום! —
איבער שטאָפּלען און טרעפּ
פֿון טעג און נעכט
און פֿעלזן־יאָרן,
באַרג־אַרויף,
ווו סבליצן קרוינען זוניקע
אויף שפּיצן פֿון דערגרייכונג,
און סרוען אָדלער
נאָכן דורכשנײַדן די הימלען.

איינע...

ביסט איינע פון די,
צו וועמען כ׳האָב אַרייננעקוקט אין חלום
דורך פאַרבלזיטע שויבן,
און פאר דיר — מיין טויבנשלאַק געעפנט
און נאָך דיר — אַרויסגעשיקט די טויבן.

ביסט איינע פון די,
אין וועמענס טיר כ׳האָב אָנגעקלאַפּט
מיט פיבערדיקן ציטער,
און געבעטן מיט די אויגן:
— עפן יונגע שניטערין — אַ שניטער.

זי...

איז זי עס אפשר די, אויף וועלכער כ׳האָב געוואַרט?
איז זי עס אפשר די, וואָס האָט דערוואַרט אויך מיך?
און — ביידע, האָבן מיר געוויאַניעט און גערדאַרט
און וואַרטנדיקע, דורשטיקע — אַריינגעבליט אין זיך.

איז זי, די שטילקייט אפשר, וועלכע האט דערהערט
דעם וויי־געשריי פון מיין נאך נישט געבוירן ליד?
איז זי עס די, וואָס גאַרט ווי איך, ווי טרוקן ערד —
נאָך טוי, נאָך אַקער־שאַרף, נאָך זריעה און נאָך שניט.

ס׳איז זיכער זי, ווען נישט — פאַרוואָס פאַרלירט זי זיך
ווען זי געפינט מיך אומגעריכט, ווי נישט געזוכט,
און ציט אין אומרו אירן דאַן, אַריין אויך מיך,
און בייגט מיך, ווי אַ צווייג מיט לאַסט פון פרוכט...

אַ הימען

וועלט־באַזינגער!
זינג־פייגל פון וואַלד!
מיט גאָלדענע פרימאָרגן־טרעלן
דורכגעשטראַלט
און דורכגעזוניקט
דורך אַ וואַלד פון שטימען —
זינגט מיט מיר:
— אַ לויב צו גאָט פאַר דיין באַשאַף,
אַ לויב!
און איר — אַ הימען!

גוט איז דעם, וואָס איז איר שקלאַף
און שטייט ביי אירע שוועלן;
וואויל איז דעם —
וואָס קען זיך ביי איר ליכט
אין שאָטן שטעלן;

גוט איז יענעם —
ווען עס באַרירט איר זוים פון קלייד
און וואויל איז יענעם —
ווען זי באַערט מיט אירע רייד;
ס׳איז גליקלעך דער —
אויף וועמען ס׳פאַלט איר מאָרגן־שטערן־בליק
און איבערגליקלעך —
דער וואָס שטאַרבט אין אירע ווענט
פאַר גליק...

װעלט־באַזינגער!
זינג־פֿייגל פֿון װאַלד!
מיט גאָלדענע פּרימאָרגן־טרעלן
דורכגעשטראַלט
און דורכגעזשניקט
דורך אַ װאַלד פֿון שטימען —
זינגט מיט מיר:
— אַ לויב צו גאָט פֿאַר דיין באַשאַף,
אַ לויב!
און איר — אַ הימען!

דער באָרוועסער שיינקייט

לויב צו דיר —
באָרוועסע שיינקייט אין אָרעם־קלייד, לויב!
מיין אונטערטעניקייט צו דיינע פיס,
אויף וועמענס נאַקעטקייט עס רוט
דער דינער, ווייסער שטויב.

לויב צו דיר, כאָטש כ׳בין דיר פרעמד,
און ווייסט נישט אַז ביים טאַטן דיינעם:
מלך „פאַן" אין גרינעם מלכות —
בין איך דער געטרייסטער שומר;
אַז אין שאָטן פון אַ בוים
אונטער גרינע בלעטער־שירעמס —
היט איך אָפּ דיין אָנקומען פרי־מאָרגנס,
ווען צעשיטסט אין וואַלד
דיין זוניק געזאַנג,
און פלאָנטערסט אָפּ אין ווילדן גאַנג —
די שוואַרצע שלאַנגען־לאָקן פון די צווייגן...

לויב, מיין לויב דיר —
באָרוועסע שיינקייט אין אָרעם־קלייד!..

צו אַ קראַנקן־שוועסטער

דו דערמאָנסט מיך אָן דאַווינטשיס בילד:
מאַדאָננאַ, מאָננאַ ליזאַ.

כ'בין מקנא יענעם קראַנקן
וועמענס קאָפּ עס איז געלעגן
אויף דער דורכזיכטיקער שאַל
פון דיינע ליליען־ווייסע הענט.

מקנא בין איך יענעם קראַנקן,
וועמענס אויגן ס'האָבן פון דיין גוטסקייט —
אויפגעלויכטן און געריירט,
ווי פרירנדיקע טייכלעך קעגן זון.

און טויזנט מאָל מקנא בין איך יענעם קראַנקן
וועמ' דיין שמייכל האָט געוואַרעמט
מער, ווי סווייסע בעט־געוואַנט דאָס שנייאיקע.

מיר האָט זיך געחלומט...

מיר האָט זיך געחלומט, אַז דו ביסט געשטאָרבן
און כ׳האָב דיך געזען אין אַן אָפענעם אָרון:
געראַויזט האָט דיין פּנים; די ליפּן — געשמייכלט
אַזוי ווי דו וואָלסט בלויז אַנטשלאָפן געוואָרן.

ביסט רואיק געלעגן דאַרטהונקען אין מירטן
און ליליעס, מיט בענדער פון קרעפּע פאַרצויגן;
עס האָבן צוויי ליכט דיר צעקאָפּנס געלויכטן,
און איך בין געשטאַנען אין טרויער געבויגן;

נאָר, פּלוצלינג האָסט דו דיינע אויגן געעפנט,
אַזוי ווי צוויי הייליקע, לויטערע קוואַלן,
אַ בליק־געטאָן וואַרעם אויף מיר און — פאַרמאַכט זיי,
און איך נעבן דיר — בין אַנידערגעפאַלן...

אַ טיר האָט אין פאַרכטיקער שטילקייט צעפּראַלט זיך,
אַ ווינט־צוג גענומען האָט בלאָזן און יאָגן;
דיך האָט מען פון איין זייט, און מיך פון אַ צווייטער —
דורך קילע, דורך טונקעלע דורכגענג, געטראָגן.

צו איינער

װען כ׳זאָל קענען, װאָלט איך פֿונעם לעבן
נישט מותר זײַן, אַ האָר נישט;
איך װיל, אַלץ! — כּדי נאָך זיך
צו לאָזן גאָרנישט...

אויפֿן װעג פֿון ליבע —
מעק איך פֿון די לוחות אויס: מען טאָר נישט!
און כ׳שרײַב אָן מיט גרױסע שריפֿט: מען מעג! —
זאָל גײן מיט גליק, װער ס׳גײט אויף דעם־אָ װעג,
װאָס פֿירט דורך אומשולד־סטעזשקעס —
צום געזונטן קװאַל פֿון זינד;
דער רײנער קװאַל, װוּ ס׳האָט די הײליקע מאַרי
געצבערענגט איר קינד...

* *
*

וואָלסט דאָס, וואָס דו ביסט, נישט געווען פאַר מיר איצט,
ווען ס׳וואָלט נישט דערזען דיך דער טרוים פון מיין אויג,
און ס׳וואָלט פון דיין קאָפּ נישט געשטראַלט און געבליצט
די קרוין פון מיין קנעכטישן טיפן פאַרנויג...

וואָלסט דאָס, וואָס דו ביסט, נישט פאַר קיינעם געווען
ווען כ׳וואָלט נישט פאַר דיר זיך געוואַלגערט אין שטויב
און ס׳וואָלט אַזוי גרויס דיך נישט קיינער געזען,
ווען כ׳וואָלט נישט דיין נאָמען צעזונגען מיט ליב...

אַ ווינטער-טאָג

ס׳גליט דער טאָג אין שניידנדיקן פראָסט באַ זונען־שיין,
ס׳איז אין זילבער און אין גאָלד געטונקט די גאַנצע וועלט,
און די לופט איז שאַרף און שטייף, געגליווערט, לויטער, ריין
און פון ליגנדיקן קלאָרן ווייסן שניי — צעהעלט.

ביימער שטייען איינגעטונקט אין בלישטשענדיקן שניי
ווי מנורות זילבערנע, וואָס זענען העל צעברענט,
ס׳האָט די זון ,די ווינטערדיקע, אָנגעצונדן זיי
און די גאַנצע וועלט די ווייסע, פינקלט און זי בלענדט.

טאָג שטאַרבט

דער טאָג שטאַרבט אָפּ,
דער טאָג שטאַרבט אָפּ
ביים מערב־ראַנד;
אין גסיסה פאַלט אַוועק זיין קאָפּ
אויף פורפורנעם געוואַנט.
צוקאָפּנס אים: אַ פייער־בראַנד,
צופוסנס שטייט אים דער פאַרנאַכט
און דעקט אים איבער מיט אַ שוואַרצער הילע...

ס׳טוליען ביימער אין די וועלדער זיך צונויף,
און לאָזן טרויעריק אַראָפּ די קעפּ,
ווי עמעץ וואָלט אַרומגעגאַנגען
און געטיילט זיי שטיקער קרעפּ...

***

ס׳רוט אויף געזיכטער דער טאָג אין פיאָלעטאָוון ליכט,
ס׳קוקן פאַרשטעלטע באַהאַלטענע אויגן פון שאָטנס אַפער;
ווו־ביִשט־ווו בליצט אויף אַ שויב נאָך, אַ זוניקע טרער
און צערינט...

ס׳פלאָנטערט דער אָוונט צווישן די גייער אין גאַס,
ס׳וויגן זיך הענט אָפּגעלאָזטע אַהין און צוריק אָן אַ זין;
ווו־נישט־ווו איילט ווער, און ווייסט נישט אַליין וואַהין
און פאַרשווינדט...

כ׳גיי באַגלייטן

כ׳גיי באַגלייטן
אַ טויטן —
דער טאָג איז געשטאָרבן...

האָבןביימער זיך פאַרהילט
מיט שאָטנס, ווי מיט שוואַרצע קרעפ,
און שטייען ווי אבלים
מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ, —
און — כ׳גיי דעם טאָג באַגלייטן;

כ׳וויל אים אַנקוקן אַ טויטן
אויף זיין בעט, דעם פּורפּור־רויטן
און אין שוואַרצן איינגעהילט...

כ׳וויל אויף אים אַ בליק נאָך געבן —
ס׳איז מיט אים דאָך אָפּגעשטאָרבן
אויך אַ טייל איצט פון מיין לעבן...

ווען דער טאָג גייט אַוועק

ווען דער טאָג גייט אַוועק
בין איך רייך, אזוי רייך —
כ׳בין דער יורש נאָך אים,
כ׳טראָג זיין מלכות פון ליכט
און די אויגן צעברענט
ווי צעצונדענע פענצטער,
וואָס קוקן אין ווייט
דורך בראַנדיקע שויבן,
אין שקיעה צעפלאַמט.
גייט פאַרביי פאַר מיר ווער,
שטעלט ער אָפּ זיך און גאַפט
אויף מיין וווּנדערלעך־רייך,
וואָס כ׳צעזונג שטומערהייט,
און — ווייסט בישט,
אַז דאַן ווען דער טאָג גייט אַוועק —
גיי איך מיט און פאַרגיי
און פאַרפאַל מיט דער זון.

גרעסער

גרעסער פון מיר, איז דאָס האַרץ מיינס אין מיר,
און גרעסער פוןביידע — דאָס טויער אין אים —
דורך אים שניידן שטראָמען פון ימען זיך דורך
מיט רוקנס פון גאָלד און פון זילבער און בליי,
אין אים פאַלן הימלען אין חשכות פון צער,
און הייבן זיך לויטער, געזוניקט פון פרייד;
דורך אים שפאַנען טריט פון אַ דור נאָך אַ דור
און טרעטן אים אויס ווי אַ דורכגאַנג פאַר אַלץ —
ווייל גרעסער פון מיר, איז דאָס האַרץ מיינס אין מיר,
וואָס קלאַפט מיטן טאַקט פונעם האַרץ פון דער וועלט.
און גרעסער פון ביידע, איז ס׳טויער אין אים
דורך וואַנען עס ציען זיך וועלטן פאַרביי,
ווי שוואַרצע און רויטע געוועבטער צעוויקלט —
אַ קאַליידאָסקאָפּ פון טעג און פון נעכט.

***

פונעם ערשטן פאַרמאָסטענעם טראָט אינדערפרי
הערט אַ ניגון נישט אויף צו פאַרלויפן מיין וועג
און — פאַרפירן מיין גאַנג,
ווו די איינזאַמקייט ליגט.

ער צעגייט זיך פאַרברומט מיט דער נאָז,
ווי אַ ווינט וואָלט געריסן אַ לאָדן,
אַ טיר פון אַ פלויט,
און צעוואָיעט זיך אָפּט
ווי אַ הונט באַ דער שוועל...

נאָר פאַרנאַכט, ווען דער טאָג פאַלט אַוועק —
פאַלט ער אויך,
טראָגט ער ס'הארץ מיינס אַוועק
צו דער בלוטיקער זון,
וואָס פאַרגייט מיט אים טיף
אינעם גרונט פון דער נאַכט.

**
*

אין מיינע אויגן ליגט אין אייביקייט —
די נאַכט ;
פון מיינע בליקן, בליצן
פאַלנדיקע שטערן ;
מיין געדאַנק איז אין דער פינצטער
ווי אַ לייכט־טורעם,
און יעדער שאָטן אונטער אים —
מיין ברודער.

**
*

כ׳קען אַ ליד, אַ ליד אָן ווערטער,
וואָס מען ברומט אין פּיין און קוועל,
ווער ס׳האָט אוירן — הערט אין ברומען
סוויִנען פון אַ וויאָלאָנטשעל.

ס׳איז דאָס ליד פון טיפע שווייגער,
וואָס פאַרמאָגן אָנשטאָט שפּראַך:
זוניק האַרץ, וואָס פאַלט און הייבט זיך
איבער זייער וועג און שליאַך.

מיין שטערן

כ'האָב געפרעגט
באַם הימל העלע שטערן פון מזלות:
— ווער פון אייך איז מיין? —
האָבן אַלע אין אַ פּאַרכטיק טיפן שווייגן
אויפגעציטערט,
ווי פון ווינט די טראָפּנס טוי אויף רויזן־בלעטער,
ווי די פּערל־טרערן אין די אויגן;

ס'האָט אַ שטערן־בינט אין ציטער, זיך צעשאָטן,
און אַ שטערנדל אַ בלאַס,
אַ פּונק די גרייס —
האָט פון אים זיך אָפּגעריסן
און געגומען פאַלן איבער מיר,
ווי אַ קורצער, אויפגעבליצטער אויגן־בליק,
און געוואָרן אויפן וועג פאַרלוירן
און פאַרשלונגען פון דער שוואַרצער נאַכט.

זאָל...

זאָל שוין זיין, וואָס ס׳זאָל זיין, און זאָל זיין, וואָס עס וויל!
כ׳האָב נישט ליב אַז עס ווערט ביז צום טויב־ווערן שטיל,
כ׳האָב די שטילקייט געננג, כ׳טראָג די שטילקייט אַליין,
אַזאַ שטילקייט, וואָס פרעסט, ווי אַ שטיין אויף אַ שטיין,
און זי דריקט צום דערשטיקן אי מיך און אין איר —
יעדן איינעם, וואָס ווערט זיך געפינען מיט מיר...

און דערפאַר האָב איך ליב, ווען אַ שטורעם קומט אָן
מיט געבליץ אויף אַ שוואַרצן און בלייענעם פאָן;
מיט געדונער, וואָס שיט זיך ווי שטיינער ווו אויס,
מיט אַ ווינט, וואָס רייסטביימער מיט וואָרצלען אַרויס,
און — עס רעש׳ט, און עס רוישט, און די שטילקייט צעפאַלט,
און עס וויגט זיך אין מיר אַ צעטרעסעטער וואַלד.

מיין וועלט

ברענט מיין וועלט אין בלוט פון מיינע וווּנדן,
פון זונען־אונטערגענג און שקיעה׳ס אָנגעצונדן,
ווו אַ טראָט — געפין איך מיך אין פלאַמען,
אַלע וועגן האָט דאָס פייער שוין פאַרכאַפּט,
פון העכסטער הייך, די טיפסטע טיפעניש דערטאַפּט,
און ס׳ברענען אויך די וואָרצלען פון די ביימער־שטאַמען —
אין געדיכטן וואַלד פון מיין צעצווייגטן אומעט.

ס׳ברענט —
די שריפה שפּאַרט אַרויס פון מיינע אויגן,
רויכערן זיי, פלאַצן בראַנדיק ווי די שויבן
פון מיינע קודשי־קדשים־ווענט
וואָס רוקן זיך פונאַנדער
און צעפאַלן זיך אויף בערג געברענטע ציגל,
און צעוואַרפן אַלע איינגענג
און אַרויפגאַנגס־טרעפּ און טרעפּלעך...

ס׳ברענט —
און פון דער האַרץ־נעסט מיינער, רייסן זיך אַרויס
און פּרובן אין צעשראָקענער בהלה זיך צו הויבן
האַלב פאַרשרפעטע, פאַרסמאַליעטע,
מיט ברענענדיקע פליגל
און מיט שוואַרצע שנעבעלעך
און אָפּגעזענקטע קעפּלעך —
מיינע שטיל פאַרבענקטע חלום־טויבן.

***

מײַן נאָמען איז א י צ ט ע ר, און כ׳קען נאָר דעם ה י י נ ט,
דער מאָרגן איז פרעמד מיר און כ׳וואַרט אים נישט אָפּ;
דער נעכטן איז מײַנס אַ באַרשטאָרבענער פרײַנט,
וואָס גײט אַ מינוט נישט אַרויס מיר פון קאָפּ...

דער טויט איז אומשטערבלעך — געדענקט זיך די צײַט
וואָס ליגט, ווי אַ הײמיש בית־עולם באַם פעלד,
און פירט צו אַ זוניקער, גאָלדענער ווײַט
דורך וועגן, מיט קאַלטע מצבות צעשטעלט.

***

מיינע בליקן — בלאָנדזשענדיקע סטאַדעס שאָף,
ווי גרויע וואָלקנדלעך צעפּליקטע, אָן אַ צאָל,
ווו אַ פּאַסטעך — לאָזן זיי זיך גיין נאָך אים,
ווען ס'הערט זיך פֿון דער ווייט דער רוף פֿון פּייפּיאָל...

בלודנען זיי אַזוי, צעוואָרפֿן און צעשיט
און טראָגן אויף דער וואַרעם ווייך־געקרויזטער וואָל
ס'אויפֿגיין און דאָס אונטערגיין פֿון יעדן טאָג,
און לאָזן זיך אויף נאַכט פֿון בערג אַראָפּ אין טאָל...

כפּיל...

כפּיל אַז כוועל נישט ווייט דערגיין,
צו מיד בין איך, צו מיד,
כוועל בלייבן אויף מיין וועג אַליין
פאַראיינזאַמט מיט מיין ליד...

מידע הענגען מיינע הענט
פון שטענדיק שטרעקן זיי,
פון בעטן ווען, דער מזרח ברענט,
ווען זון־פאַרגאַנג טוט וויי...

כבין אַ שווימער ווייט פון ברעג,
אַ בלאָנזעשנדער אין וואַלד,
דער לעצטער בין איך אין געיעג,
דער ערשטער, וועלכער פאַלט...

פאַרנייענדיק׳ס

אַז ס׳ציען ברוינע וואָלקנדלעך, ווי סטאַדעס שאָף
נאָך דער פאַרגייענדיקער זון —
ווילט זיך מיר דער פאַסטעך זיי׳רער זיין
און מיטגיין...

אַז עס בליצן אין די הייזער אויף, די שויבן,
און קוקן צעבליאַסקעט אַריין אין דער ווייט —
ווילט זיך מיר שטיין אין אַ פענצטער,
און טרינקען מיט אָפענע אויגן
ס׳ליכט פון שטאַרבנדיקן טאָג...

אַז אָוונט־בלאָקייט נעבעכטערט פונעם מערב
ווי דער רויך פון אָנגעצונדן קטורת,
און אויף מזרח לאָזט דער הימל זיך אַראָפּ
און קושט די ערד, מיט לעצטער שקיעה־רויטקייט —
וויל איך פאַלן צו דער ערד
און ליגן ווי אַן אָפּרו־שטיין
און וואַרטן אויף דער נאַכט...

אַ שטראַל

אַ שטראַל איז געפאַלן צו מיר אין מיין חושכדיק חדר
אַ גאָלדענער שטראַל פון דער זון,
און — כ'ווייס נישט, וואָס כ'זאָל מיט אים מאַכן,
וואָס כ'זאָל מיט אים טון
אַז ער זאָל נישט אַרויס;
פאַרמאַכן דאָס פענצטער?
פאַרמאַכן די טיר פון מיין הויז?
צי אפשר אַוועקלייגן זיך נעבן אים
מיט מיין אָפענער ווונד,
און ווארעמען זיך באַ זיין ליכט,
וואָס איז לויטער און העל,
און היטן אים
היטן געטריי, ווי אַ הונט באַ דער שוועל
היטן געטריי, ווי א הונט ביי דער שוועל?!

צייטיק צער

אין מיינע גערטנער זינגט דער פרילינג פון צעבליטן אומעט;
ס'טרערן בלומען אין געפערלט טוי מיט יינגן צער —
ווייל ס'וויגן זיך די פלייטן־טירלעך אויפגעמאַכט פון ווינט,
וואָס גייט דער איינציגער אין זיי אַריין־אַרויס, אַריין־אַרויס...

אין מיינע ווייַנשטעק רינען אויס אין זיסער ביטערניש די טרויבן,
טריפן אָפּ אין שטויב, ווי טראָפּנס גאַל —
ווייל ס'גייען כּורמים מיט די שטאַנגען זיי פאַרביי
און טראָגן זיי פון דאָרטן נישט אַרויס...

אין מיינע סעדער פלאַצן פירות מיט אַ שריי
און קרעכצן מיט דער מוסקולירטער לאַסט אנטקעגן זון, —
ווייל ס'נעמט זיי קיינער פון די צווייגן נישט אַראָפּ
און ס'קלויבט זיי קיינער נישט, געפאַלענע צום שטאַם...

אויף מיינע פעלדער קניִען סנאָפּעס פרום געגאַרטלטע
אַרומגענומען, קאָפּ אויף קאָפּ אין עצבות, —
ווייל מען פירט זיי נישט אַראָפּ אין פולער שפּע
פון דער גאָלד־פאַרשניטענער, פאַרלאָזטער ערד...

צו די ווינטן

העי, איר ווינטן, ווינטן!
קענט איר מיר נישט זאָגן;
ווער פון אייך עס האָט מיך ווי אַ צווייג פון בוים
אַראָפּגעבראָכן פון מיין שטאַם
און פאַרטראָגן אין צעשיטן קנויל
געקרייצטע, אויסגעאַנגסלאָזע וועגן?
קענט איר מיר נישט זאָגן:
ווער פון אייך געווען איז איינגעשפּאַנט אין יענעם שטורעם,
וואָס האָט ווילד און אָן רחמנות זיך אַריינגעריסן
אין מיין ערשטן יונג־צעבליטן פרילינגס־טאָג,
און צעזעגט אים, מיט די פייערדיקע בליצן,
און צעקלאַפּט אים און צעשלאָגן ביזן וואָרצל
אונטער שווערע דונער־קלעפּ,
וואָס האָבן זיך געשאָטן איבער אים
און פאַרשאָטן אים מיט שטיינער־גליבעס
און מיט פעלזן־ברילעס...

העי, איר ווינטן, ווינטן!
איידער צו בלייבן אין סטעפּישער וויסטקייט,
בעסער זיך צונויפמישן מיט זאַמד און שטויב
און לויפן — געטריבן פון אייערע אָטעמס,
און ווירבלענדיק הייבען זיך, הייבן
געפּאַרעמט און הויך, ווי אַ זייל,
וואָס גרייכט אַ רגע כאָטש די הייך פון איבער אַלץ...

האַרבסט-גאַמע

דעם מאַלער מאַניעוויטש

גאָלד און עטער,
בלעטער, בלעטער:
צימרניג־ברוינע,
זאַפראַן־געלע,
רויט־צעצונדענע און העלע,
דאַרע,
קוואַרע,
ווי צענויפגעדרייטע שפענער —
פאַלן, פאַלן ווי די טענער,
שיטן, שיטן זיך ווי גאַמען,
פאַרבן־גאַמען פון צעפאַלונג
דורך אַ פייערלאַך צעשטראַלונג,
פון די ביימער, פון די שטאַמען,
וועלכע שטייען אָנגעצונדן
מיט דער פייערלעכסטער תפילה:
נעילה.

אַ ליד...

אַ ליד — אַ בלאַט,
אַ בלאַט — אַ ליד,
דער שטאַם דערפון
איז — דאָס געמיט:
עס בליט
און שטראַלט
פון זון און טוי,
וואָס פינקלט ראָז,
פיאָלעט און בלוי,
און ספּאַלט אַ ליד —
אַ בלאַט פון בוים —
מיט רעגן־בויגנדיקן טרוים...

אַ ליד — אַ בלאַט,
אַ בלאַט — אַ ליד;
אַ דיכטער בלייבט נישט זאַט
פון שניט...

נאַכט

גאַסן, געסלעך,
ברייטע, שמאָלע,
גלייכע, קרומע —
ליגן אין דער פינצטערניש צעלייקט
און שלאָפן
צוגעדעקט מיט שוואַרצן הימל.
הייזער הויכע, נידעריקע —
טוליען זיך צונויף אינאיינעם,
נעמען ווי מיט הענט אַרום זיך,
לענען אָן זיך איינס אָן צווייטן,
שלאָפן שטייענדיקערהייט
און וויגן זיך פאַר מידיקייט.
פאַרלאָשענע און צוגעמאַכטע
מיט אַראָפגעלאָזטע וויעס —
קוקן הייזער־אויגן שלעפעריק מיר נאָך
פון אַלע זייטן,
און פאַרלירן מיך.
עס האָט א הויז אַן אויג געעפנט,
אָנגעגאָסן זיך מיט פייער
און אויף מיר גענומען קוקן
בייז, מיט פאָרוווּרף אינעם בליק,
ווי כוואָלט די רו געשטערט אים
אין דער שפעט פון נאַכט.
מאַכט דאָס הויז צוריק דאָס אויג צו,
און דאָס אויפגעוואָכטע געסל
דרייט זיך איבער אויף דער צווייטער זייט
און פאַלט צורין אַריין אין טיפן שלאָף...

אויפן ווינט

האָט זיך עמעץ אויפגעהאָנגען,
וואָס עס קלאָגט אַזוי דער ווינט?
אָדער, ס'לויפן אום צעבילטע
סטאַדעס הונגעריקע הינט?

אפשר טרענקט אַ שיף זיך ערגעץ
אויפן מיטן ים אַצינד,
און עס ראַנגלען זיך נפשות
מיטן טויט, פאַרצווייפלט, בלינד...

אָדער אפשר וויינט עס עמעץ
אין דער שטיל פאַר זיינע זינד?
ס'קען נישט זיין, אַז סתם אַזוי זיך
רייסט און וואָיעט ווילד דער ווינט...

פאַטאַ-מאָרגאַנאַ

בלעטלעך זכרונות,
און שטיקלעך געדאַנקען,
מיט פּיצלעך דמיונות,
זיי פלאַטערן, בלאַנקען,
זיי מידניען, און בלאַנקען...

כזשמורע די אויגן; —
אַ ים מיט קאָלירן,
אָזן בריגן נאָך בויגן,
מיט זילבערנע שנירן,
מיט גאָלדענע שנירן...

כשליס זיי איינגאַנצן; —
דער קאָפּ נעמט מיר דרייען,
פּאַדרייט ווי פון טאַנצן
אויף בלענדיקע שנייען,
אויף בלישטשענדע שנייען...
סטויכן אויף טרוימען

פון בלאָען נירוואַנאַ;
אַריבער די תהומען
איז פאַטאַ־מאָרגאַנאַ,
אַ פאַטאַ־מאָרגאַנאַ...

צי האָט...

כטראַכט:
צי האָט שוין ווען אַ ניי־געבוירן קינד
אין ערשטן אויגן־בליק,
ווען סאיז אַרויס מיט מאַמעס גליק
פון פרוכפערדיקער טראַכט —
געלאַכט.

כטראַכט:
צי איז שוין ווען געווען אזאַ מין נאַכט,
ווען יונגע, מאַן און פרוי
פון וועמענס לייבער סשלאָגט דאָס בלוט
ווי פרישער מאָרגן־טוי
אַנטקעגן זון צעבלענדט —
האָבן נישט געברענט...

כטראַכט:
צי האָט שוין ווען אַ זיגער קומענדיק פון שלאַכט
מיט רום און ליב,
מיט רויב
דורך זיין געפּויסטער מאַכט
געגליקט —
נישט געוואָרגן זיך, געשטיקט
פון ווילדער פרייד
און ניש געהערט אויף יעדן טראָט:
צום טויט!...

צער

אַזוי פיל צער פאַרהאַנען אויף דער וועלט,
אַזוי פיל צער! —
עס שמייכלט אים אַנטקעגן קרענקלעך, בלאַס —
די פרייד,
ווי ס׳לעבן שמייכלט מיט הכנעה
צו איר האַר —
דעם טויט,
וואָס וואַקסט אַרויס פון מינדסטן גרעזעלע
פון קלענסטן קווייט...

אַזוי פיל צער פאַרהאַנען אויף דער וועלט,
אַזוי פיל צער!
דער טרויער ווינט אין יעדענס גליק,
און קוקט אַרויס פון יעדנס בליק,
און ליקט אין יעדן שטראַל און טרעל,
באַ יעדנס שוועל
פון יעדנס הויז,
ווו ס׳ליכט פאַלט אָפ
און גייט נישט אויס.

**
*

ס׳האָט עמעץ זיך אינדרויסן פאַר מיין הויז, געפרעגט צי איך בין דאָ,
ווען כ׳בין צום פענצטער צו, האָט ארום אים, אַרומגעקרייזט א קראָ,
געפּלאַטערט מיט די פליגל און געלאָיערט הונגעריק אויף פּרעס,
דערזען מיך — אויסגעזעצט די שויב, אַריין,
ווי כ׳וואָלט געווען דאָס מת...

באַר באַלד נאָך איר, האָט אין דער שטילקייט ווער אַריינגעשריגן: אוי!
די ליידיק טונקעלע חדרים האָבן אָפּגעענטפערט: הוי! —
ווי עמעץ וואָלט געקרעכצט אין זיי, געבראָכן זיך פאַר צער די הענט,
ארומגעגאַנגען און געשלאָגן זיך דעם קאָפּ אָן אַלע ווענט...

פאַרברענט

כ׳האָב אַליין מיט מיינע הענט
מיין אייגן האַרץ געוואָרפן אויפן פייער
און פאַרברענט.
כ׳האָב געפילט, איך פאַל און נידער,
האָב איך פולע הויפנס לידער
אין קאַמין אַרייַנגעוואָרפן
און זיך צוגעקוקט מיט מיינע אויגן,
ווי פון אַלע ברענענדיקע אות׳יעלעך געפלויגן
זענען קליינטשיקע נשמות אינדערהויך,
און מיט צאַפּל ערגעץ־ווו פאַרשוווּנדן מיטן רויך,
און ס׳האָבן זיך אויף אַש — געלאָשן די פּאַפּירן;
כ׳האָב געפּרוווט זיי מיט דער האַנט צום לעצטן מאָל באַרירן —
זענען זיי זיך לייכט צעפאַלן מיט אַ שאָרכן
ווי צעדאַרטע שאַרבנס און ווי גלידער;
כ׳האָב דאָס אויער צוגעלייגט צו זיי, זיך איינצוהאָרכן.
און דערהערט האָב איך אין זיי
אַ ווייט־פאַרשטיקטן עכאָ קלינגען,
ווי עס וואָלט ווער מיינע לידער
אין אַ וידוי אויסגעזונגען...

וויפל...

וויפל טרוימען און חלומות,
וויפל לעבן, פרייד דאַרשטיקטע,
וויפל פרילינג׳ס נישט געבליטע,
וויפל ליבעס נישט געגליקטע —
ליגן שרין אין מיינע פיר און צוואַנציק יאָר,
וואָס וואַלגערן זיך נישט דערזען און נישט דערהערט,
ווי שוואַרצע בלעטער אינעם שטויב פון דר׳ערד,
און טוליען זיך ווי קינדער פון מיין פלייש און בלוט
איינס צום צווייטן,
אויסגעשטאָרבענע מיט פיר און צוואַנציק טויטן...
און איך — צעווישן זיי —
אַן אָפּגעברענטער ווערבע־שטאַם, געבויגן —
קוק מיט צער און וויי,
מיט גראָ־באַהויכטע, טרערן־פייכטע אויגן,
ווי דורך שווער אַראָפּגעלאָזטע שטאָרן —
טיף און ווייט אַוועק אין עבר־לאַנד
פון מיינע נישט געלעבטע פיר און צוואַנציק יאָרן.

מיין גאָרטן

כ׳האָב אַ גאָרטן אומעט־ביימער
מיט צעשויבערטע, צעצווייגטע שאָטן־קעפּ,
פאַרזונקען אין אַ טיפער מראה־שחורה.
איז דערפאַר דאָס גאָרטן־טירל שטענדיק צו
און ליידיק שטייען בענק פון שוואַרצן מאַרמאָר
אויסגעלייקט אויף פיס פון ווייסן שטיין,
ווי מצבות אויף אַ בית־הקברות...
יעדן טאָג ווען ס׳גייט די זון פון דאָרט אַרויס,
באַווייזט זיך אומבאַמערקט אין אים אַ שטומער סילועט,
וואָס גייט פון בוים צו בוים און טראָגט מיט זיך אַ סוד
און זוכט צעווישן זיי, באַגרעבעניש פאַר אים...
אין האַלבע נאַכט, ווען ס׳שלאָפט שוין גאָט אַליין —
צעוואָיעט זיך דער־הונט פון דאָרט
אַנטקעגן שוואַרצן הימל,
בילט, סקאַוווטשעט מיאַומדיק
און וויינט אַריין אין חושך
ווי עס וואָלט זיך ווער באַ מיר אין גאָרטן אויפגעהאָנגען.

האַרבסט

ס׳איז האַרבסט באַ מיר,
ס׳איז האַרבסט אין מיר,
יונג־האַרבסט אין מיינע בליאונגס־גיטער
ס׳הענגען נעפלען גאָלדענע, ווי זוניק שטויב
פון טעג, וואָס פאַלן צו, ווי העלע בלעטער
צו די יונגע, גרינע שטאַמען,
אויסגעוואַקסן פון חלומות —
אין מיין וואַלדיק האַרץ.

ס׳איז האַרבסט.
אין מיינע סעדער, גערטנער, פעלדער,
גייט אַרום די מרה־שחורה,
פייפט אָן ליפן אויס אַ מעלאַנכאָליש׳ס
אין דער אומעטיקער וויסטקייט,
וווּ עס הענגען שוואַרצע נעכט זיך אויף
און וויגן זיך אויף ביימער
און אויף אויפגעמאַכטע פלויטן־טירלעך,
וועמענס סקריפּעריי ס׳וועקט אויף
אַ ווייט און בייז געביל פון הייזעריקע הינט.

ס׳איז האַרבסט באַ מיר,
ס׳איז האַרבסט אין מיר,
יונג־האַרבסט.

מײַן אײגנס

כהאָב מײַן אײגנס אַ בית־עולם;
אין דער פּריסטער, העלסטער יוגנט
זיך אין אים אַרײַנגעצויגן,
וווּ'ן איך מיטן טויט צוזאַמען,
און כבין אַלץ דאָרט, אַלץ:
דער קבֿרן און דער בעל־משסק,
כבין דער נושׂה
און דאָס מת,
וואָס כבר'ענג אַלײן צו קבֿורה —
ווען די זון פֿאַרגײט.

יעדן טאָג, אַ נײַע פּטירה:
דאָ אַ טרוים
און דאָ, אַ חלום,
דאָ, אַ ציל אַ נישט דערגרײכטן,
אַ באַגער אַ פֿריש דערשטיקטן,
און אַ האָפֿענונג, אַ טויטע....
יעדן טאָג, אַ פֿרישער קבֿר;
און עס וואַקסט מײַן בית־הקבֿרות
אויסגעזײַעט מיט מײַן לעבן
אונטער שווער פֿאַרהאַקטע טירן.

זינג איך...

זינג איך שוין אַזוי
פון לייכטסטן ווינטעלע באַרירט,
פאַרכאַפּט פון יעדן מינדסטן שאָרך,
ווי אויפן בוים אַ בלאַט,
וואָס ציטערט פון אַ אָטעם־צוג
צעצאַפּלט און צעוויגט;
און כ׳גיי אין פרייד־געזאַנגען אויף
צו יעדן מאָרגן־רויט,
און ברום אַן אומעטיקס מיר אָפּ
פאַרנאַכט, צו מנחה־צייט.

זינג איך שוין אַזוי
פאַרהאַן באַ מיר אַ סטרונע אָט אַזאַ,
אַ סטרונע F,
וואָס פּאַטוס האָט פאַרצויגן אויף מיין האַרץ
און אַנגעצויגן זי מיט מיינע אָדערנס צעלויף,
וואָס שלאָגט דאָס בלוט, ווי שטראָמען
פון אַ קוואַל אין טיפסטער טיף.

מיינע לידער

כ׳קען מיינע לידער, ווי מיינע צען פינגער;
איך בין זייער פאָטער און זיי — מיינע קינדער —
די טרייסט אין מיין איינזאַם פאַרחלומטן לעבן.

און ליב האָב איך אַלע,
און פיינט האָב איך אַלע,
זיי זענען די פרייד מיין,
זיי זענען מיין טרויער,
וואָס וויגן זיך שטענדיק באַ מיר אויפן האַרץ
און זויגן דעם אָטעם באַ מיר און דאָס חיות.

און שטענדיק, פאַרנאַכט־צייט
באַ רויטקייט פון שקיעה,
צעוויינען זיך דאַמלט אין מיר מיינע לידער,
פאַרשטיקט, אַזוי דין, אַזוי דין,
ווי די טענער, וואָס פאַלן מיט ציטער
פון סטרונעס — — פאַרצויגן
ווי אָדערן גרייטע צום פּלאַצן.

זיי וויינען פאַראיינזאַמט
און זיפצן פאַר עלנט,
מיט שטילן געפליסטער, אַזוי ווי אַ תפילה
געשיקט צו די הייכן וווּ קיינער דאַרגרייכט נישט,
געשיקט צו די ווייטן וווּ קיינער דאַרגייט נישט.

לידער נישט געשריבענע

לידער נישט געשריבענע!
איך זינג אייך אויס אין גאַנג מיט מיינע טריט,
אין צוגעקלאַפּטן טאַקט
פון מיינע שטאָליק אויסגעשמידטע זוילן,
וואָס קלינגען אין מיין גאַסיקן געאייל
אויף אַלע שטיינערנע און אַספאַלטענע בריקן,
און כ׳לאָז אייך אינעם שטומען הילך אַרויס
דורך מיינע אויסגעגלאָזטע אויגן
אין צעפּראַלטן האַרץ, אין שטאָטישן מיראַזש.

לידער נישט געשריבענע!
איך הענג אייך אויף, אויף אַלע קרעמער שילדן
און וויטרינעס פון די שטאָקיקע געביידעס,
אויף די סלופּעס פון פאַרצווייגטע טעלעפאָן
און טעלעגראַפן־דראָטן,
וואָס ציען זיך ווי ליניעס איבער נאָטן־בלעטער;
איר וואַלגערט זיך אַרום אין ענגע גאַסן
צעריבן ווי די שטויביקע פּאַפּירן,
און ווי שמאַטעס אַנגעקלעבטע אָן די רעדער
פון די פורן, אויטאָס, מאָטאָציקלען און טראַמווייען,
וואָס פאָרן איבער אייך אַריבער
און פאַרשלעפּן אייך מיט ווילדן אימפּעטיקן לויף,
און לאָזן אייך צעמורשט צורו, ערשט האַלבע נאַכט,
ווען צוועלף שלאָגט אויס דער זייגער פונעם ראָטהויז.

פאַרוואָס?

I

פאַרוואָס בין איך איינזאַם? פאַרוואָס אַזוי עלנט? —
די וועלט איז מיין היים מיט מיין מענטשן־משפחה,
ס׳איז גאָט מיר אַ פאָטער,
די ערד מיר — אַ מאַמע,
כ׳האָב ברידער און שוועסטער,
כ׳האָב פריינט און כ׳האָב נאָנטע —
פאַרוואָס בין איך ווייט, אַזוי ווייט פון אַ יעדן?
פאַרוואָס בין איך פרעמד אויך מיין אייגענעם נפש?

עס גייען אַזוי פיל, די טעג מיר אַנטקעגן,
געקריינטע ווי פרינצן אין ליכטיקע טאָגעס,
אַזוי פיל פאַרכשופטע נעכט ווי בת־מלכה׳ס
לבנה׳איק באַזילבערט, באַשטערנט אויף בלאָקייט,
עס קושן אַזוי פיל צעפיבערטע טייכן די טויאיקע ברעגעס
פאַרביי מיין צעפיסנס;
גיטאַרעס באַגלייטן צעזונגענע חברה,
וואָס קומען פון פריידלאַנד און וויי־לאַנד צענויף זיך
און טרינקען צוזאמען ס׳געטראַנק פון פאַרגעסונג,
און טאַנצן פאַרשכורט אַריין אין באַגינען —
פאַרוואָס דרייט די ראָד נישט אַריין מיך אין מיטן,
און ברעכט נישט פונאַנדער דאָס אייז פון מיין אומעט?
פאַרוואָס דרייט אַ ווינט זיך אַרום אין מיין בלוט־לויף
און זייעט מדבר׳איש וויסטקייט אין האַרץ מיר?..

II

נו, וואָס זאָל איך טון, און וואָס קען איך טון —
ווען באַ מיר איז דאָס מזל אַזאַ שוין, וואָס קלאָגט
און באַקלאָגט מיינע טעג, און באַוויינט מיינע נעכט,
וואָס כּבֿאַוואַך ווי דער שומר־המתים — דאָס מת.

עס וויינט נישט דער ווינט ווייל ער וויל, נאָר ער מוז,
איך איך בין אַ ווינט, אַזאַ בלאָנדזשענדער ווינט
ווּעמען ס׳זעט נישט דאָס אויג,
נאָר דאָס אויער דערהערט,
און ס׳דאַרפילט נאָר, דאָס לייב,
ווען ער נעמט עס אַרום.

כ׳האָב מיין אייגענער טרער אַזוי פיינט,
ווי דעם ליימיקן, זומפּיקן וועג,
וואָס פאַרשלינגט מיינע טריט
אין געזונקענעם גאַנג.

און געלאַכט וואָלט איך גאַליק, געלאַכט פון מיין צער
און געקנייפּט זיך די באַק אַז די פאַרב זאָל איר שטיין,
אָבער וואָס זאָל איך טון מיט מיין פודיקער באַל,
וואָס איך טראָג אויפן קאַרק, ווי ווילד־פלייש צום גוף,
און וואָס קען איך טון מיט דער לאַסט אויף מיין האַרץ
ווען באַ מיר איז דאָס מזל אַזאַ שוין, וואָס קלאָגט?..

פון אומעט-לאַנד

I

מיינע אויגן —
בלאָלעך גראָע ווייסלעכע צוויי,
ווי ים׳ען אונטער נעפלען,
אַרומגעברעמט מיט רויטקייט,
ווי די ברענענדיקע ברעגעס,
און אין מיטן — אַפּלען צוויי,
ווי בלאָנזשענדיקע שיפן, —
פינטלען אויף דער אויבערפלאַך
אין בלינדן קרייז, פון שווימען
אין די וואסערן די שווארצע
פון מיין אומעט־לאַנד.

II

כ׳בין דער האַר פון אומעט־לאַנד,
וואָס ליגט אין הרי־חושך ווייט,
און ווי אַן אינזל — שווימט עס אום
אין בלאָען ים פון בענקשאַפט.

מיט מיר אין לאַנד, אין אומעט־לאַנד
איז קיינער דאָ, אַחוץ דער ווינט,
וואָס רייסט זיך ווי אַ הונט פון קייט
אָן אויפהער, טאָג און נאַכט אַזוי,
און שלאָגט די ביימער־קעפּ אָן דר׳ערד,
און לאָזט זיי נאַקעט, פליכעוואַט
און האַרבסטיק שטיין, אין בליאונגס־צייט.

באַ מיר אין לאַנד איז דאָ אַ הייך,
אויף אים אַ שלאָס פון מאַלאַכיט,
מיט מאַרמאָר־טרעפּ באַ יעדע טיר;
נאָר ס׳זענען אַלע איינגענג צו,
די פענצטער, פינצטערע — פאַרמאַכט,
די טירן אַלע, פעסט פאַרשפאַרט,
און אויפן העכסטן שפּיץ פון דאַך
הענגט שווער אַראָפּ אַ שוואַרצע פאָן
און זינקט אין טרויער
איבער מיר — דעם האַר פון טויטן שלאָס.

III

ס׳קערט זיך צו די ברעגעס פון מיין אומעט־לאַנד צוריק
מיין פלאָט פון אַכט און צוואָנציק גראָע שיפן
שווער און פול באַלאָדענע,
מיט אַכט און צוואָנציק שוואַרץ פאַרבאַנדעראָלטע יאָר
מיט נעכט גע׳חת׳מעטע.

זיי קומען איינע נאָך דער אַנדערער
מיט קוימענס אָפגעבראָכענע,
מיט דעקעס אָפגעריסענע,
מיט קעסלען אָפגעלאָשענע
און פינצטערע קאַיוטעס,
ווי פאַרקלאַפּטע אָרונס בר־מנן׳ס...
ס׳וויל דער ים נישט טראָגן זיי
און ס׳וואַרפן זיי פון זיך די כוואַליעס,
ווי צעבונטעוועטע קאַראַוואַנען ים־קעמלען,
און שליידערן צוריק צו מיינע פיס
די טויטע לאַסט פון מיינע אַכט און צוואָנציק יאָרן.

איך ווייס נישט

איך ווייס נישט, צי בין איך פריצייטיק געקומען,
צי כ׳האָב דעם יאַריד אויף דער וועלט שוין פאַרשפעטיקט,
און כ׳ווייס נישט, צי איז נאָך דאָ קיינער געוועזן,
צי איז מען שוין לאַנג זיך פונדאַנען צעפאָרן
דורך אַלע פיר זייטן, צעשיט אויף די וועגן
מיט רעש און מיט טומל פון מאַרקישע קולות,
וואָס האָבן דאָ סחורות פאַרקויפט און פאַרהאַנדלט
אין קאָן פון מזלות...

איך ווייס נישט —
כ׳בין איינער אין מאַרק אינעם פוסטן,
ווו ס׳ליקט אויף די ליידיקע טישן די גראָקייט,
פונאַנדערגעוויקלט ווי לייוונט נאָך קריעה
געפאַלן אין חשכות פון הימלען פאַרוויינטע...
און כ׳ווייס נישט, וואָס טון מיט מיין גאַנצע עשירות,
וואָס כ׳האָב דאָ געברענגט פון די ווייטעסטע דרכים! —
כ׳טראָג האַרץ אויפן מאַרק־פלאַץ,
אַ האַרץ ווי אַ ציטרע צעשפילט
און צעזונגען אַזוי ווי אַ פויגל,
וואָס פילט אַלע צייטן נאָך איידער זיי קומען
און טראָגט דאָס פאַרגיין און דאָס אויפגיין פון זונען;
און כ׳ווייס נישט, צי כ׳דאַרף עס צעלייגן אויף טישן,
צעשניטן ווי פלייש אויף אַ קלאָץ אין אַ יאַטקע,
צי כ׳זאָל עס פאַרציען אין מאַרקישן חלול,
ווי שנירן מיט קרעלן פון בלוטיקע טראָפנס,

צי אפשר צעגיסן אין דינע נגונים,
צעשיטן אין קלאַנגען, ווי פערל אויף ברוקן...
צי וואָס און פאַר וועמען ?!
עס זעט מיך קיין אויג נישט,
נישטאָ דאָ קיין אויער וואָס זאָל מיך דערהערן —
אַחוץ די צעבראָכענע הילצערנע ביידלעך,
וואָס שטייען צעוואָרפן ווי הינטישע באָרעס
פאַרפולטע מיט עיפוש און פינצטערן אומעט,
און הערן זיך איין אינעם ווינטיקן היילן
באַגלייט מיט דעם שרייען פון קראָען אויף מיסט־בערג...
איך ווייס נישט — איך קען דאָ נישט בלייבן אַן „איינער“
צוריק ? — איז די בריק הינטער מיר שוין צעריסן !
און כ'ווייס נישט, צי בין איך פריצייטיק געקומען,
צי כ'האָב דעם יאַריד אויף דער וועלט שון פאַרשפעטיקט.

אינהאלט:

איינ‏יקע ווערטער	
מיין ערשט ליד	4 — 5
צו אַ מיידל	7
יענע נאַכט	8
קום!	9
איינע	10
זי...	11
אַ הימען	12—13
דער באַרוועסער שיינקייט	14
צו אַ קראַנקן־שוועסטען	15
מיר האָט זיך געחלומט	16
צו איינער	17
וואָלסט דאָס...	18
אַ ווינטער־טאָג	19
טאָגט שטאַרבט	20
סרוט אויף געזיכטער	21
כגיי באַגלייטן	22
ווען דער טאָג גייט אוועק	23
גרעסער	24
מיטן ערשטן פאַמאָסטענעם טראָט	25
אין מיינע אויגן	26
כקען אַ ליד	27
מיין שטערן	28
זאל...	29
מיין וועלט	30
מיין נאמען	31

מיינע בליקן	32
כפיל...	33
פאַרגייענדיקס	34
אַ שטראַל	35
צייטיק צער	36
צו די ווינטן	37
האַרבסט־גאַמע	38
אַ ליד	39
נאכט	40
אויפן ווינט	41
פאַטאַ מאָדגאַנאַ	42
צי האָט...	43
צער	44
סהאָט עמעץ	45
פאַרברענט	46
וויפל...	47
מיין גאָרטן	48
האַרבסט	39
מיין אייגנס	50
זינג איך	51
מיינע לידער	52
לידער נישט געשריבענע	53
פאַרוואס ? I	54
„ II	55
פון־אומעט־לאנד I	56
„ II	57
„ III	58
איך ווייס נישט	60—59

פון זעלבן מחבר
ביז איצט דערשינען:

אין זוניקן לאַנד (וואַרשע 1927)

רויט אויף שוואַרץ (וואַרשע 1929)

גאָלדענע זאַמדן (וואַרשע 1932)

סערגיי יעסענין (וואַרשע 1933)

מיט לענדער גלייך (תל־אביב 1934)

די 24-סטע שעה (תל־אביב 1935)

פאַר מיר און פאַר אַלע (תל־אביב 1936)

אָנוווקס (תל־אביב 1938)

אונטער פייער (תל־אביב 1939)

מן הטנא (תל־אביב 1942)

פון רויטן פראָנט (תל־אביב 1943)

אונטער שוואַרצע הימלען (תל־אביב 1944)

מיין ברענענדיקער שטאַם (תל־אביב 1945)